**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון 12.2 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט לענגאויס סטעיט רוט A54 אין סטיובען קאונטי**

***פארבעסערטע וואסער אפלויף סיסטעם וועט באפעסטיגן וויכטיגע שאסיי וואס באדינט פינגער לעיקס ראיאן קעגן שווערע וועטער***

***אינוועסטירונג באגלייט די "Southern Tier Soaring" (דרום טייל – זיך אויפהייבנדיג) – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף א 12.2 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג לענגאויס סטעיט רוט A54 אין די טאון אָוו אורבאנא גלייך צו צפון פון די ווילעדזש אָוו העמאנדספארט, סטיובען קאונטי. דער פראיעקט וועט אינסטאלירן נייע וואסער אפלויף און אנדערע פארבעסערונגען צו פארשטערקערן די שאסיי'ס מעגליכקייט צוביישטיין שווערע רעגנס און העלפן פארמיידן די שטערונגען צו רייזעס וועלכע זענען פארגעקומען בעפאר דעם אויף די קריטישע שאסיי דורכאויס צייטן פון שווערע וועטער. סטעיט רוט A54 לויפט לענגאויס די וועסט סייד פון קיוקע לעיק און ערמעגליכט צוטריט צו פילע פאפולערע דעסטינאציעס אין די פינגער לעיקס ראיאן.

"מיט קלימאט טויש אנבערענגענדיג מער און מער אפטע שווערע וועטער אינצידענטן, דארפן מיר זיכער מאכן אז אונזער קריטישע אינפראסטרוקטור איז גרייט צו ביישטיין וואס אימער די נאטור האט וועקגעלייגט פאר אונז," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונג לענגאויס סטעיט רוט A54 אין סטיובען קאונטי וועט העלפן רעדוצירן די שאסיי פארשליסונגען און אנדערע רייזע קאפווייען וועלכע זענען געווארן א צו אפטע ערשיינונג אויף די וויכטיגע שאסיי."

סטעיט רוט A54 פארט אריבער זייער א שיפע ברעג אויף די מערב זייט פון די קיוקע לעיק, און אין צייטן פון שווערע וועטער איז עס געווען אויסגעשטעלט צו צושטערטע שיפקייטן און אנדערע סכנות וועלכע האבן געשטערט רייזעס. דער פראיעקט – וואס ווערט פינאנצירט דורך א קאטאסטראפע פארמיידונג גרענט פון די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור ( Federal Emergency Management Agency, FEMA) צוזאמען מיט סטעיט געלטער – וועט אינסטאלירן א 5-מייל-לאנגע פארמאכטע וואסער אפלויף סיסטעם וואס באנוצט זיך מיט אויסגעהאקטע לעכער און זייטיגע רערן מיט 'באַמפּס' צו פארבעסערן די שטורעם וואסער אפלויף און פלוס פון די אויבערפלאך אריין אין קיוקע לעיק. עס וועט אויך אפכאפן אונטערערדישע וואסער בעפאר עס קומט אן צו די שאסיי וואס וועט העלפן באשיצן די סטאביליטעט פון די שיפקייט. נייע 'קוירבס' וועלן צוגעלייגט ווערן צו העלפן מיט די פלוס פון שטורעם וואסער, און די שאסיי וועט באקומען א פרישע שיכט פון פעך, מאכנדיג רייזע גלאטער פאר דרייווערס.

דער פראיעקט איז פלאנירט צו זיין פארטיג ביז זומער פון 2025. צוליב די באגרעניצטע פלאץ ארום די שאסיי זאלן דרייווערס ערווארטן קלענערע ארבעט זאנעס מיט איין ליניע פארשפארט גלייך ארום די ארבעט. עס איז ערווארטעט אז מאנשאפטן וועלן אנהויבן ביי די דרום זייט פון די סטעיט רוט A54 און זיך רוקן צו צפון אין לויף פון דעם סעזאן. די ארבעט זאנע וועט אוועקגענומען ווערן דורכאויס די ווינטער חודשים.

ביי געוויסע פלעצער וועט די שאסיי מעגליך דארפן פולשטענדיג פארשלאסן ווערן אלץ חלק פון פאררעכטונג פון די שיפקייט ביי געוויסע פלעצער. די פולשטענדיגע פארשליסונגען וועלן פארקומען נישט אין די פארנומענסטע זומער חודשים. מעלדונגען איבער די פולשטענדיגע פארשליסונגען און אומוועגן וועלן ארויסגעגעבן ווערן איינמאל די ענדגילטיגע צייטפלאן וועט פארטיג ווערן.

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו פארזיכערן אז אונזערע אפסטעיט קאמיוניטיס באקומען די אינוועסטירונגען וואס קומען זיך זיי צו מאכן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור מער באפעסטיגט, און דער פראיעקט לענגאויס קיוקע לעיק איז א באווייז פון די איבערגעגעבנקייט. די טראנספארטאציע דעפארטמענט איז באגייסטערט צו אנהויבן די וויכטיגע ארבעט און צו העלפן זיכער מאכן אז יעצטיגע און צוקונפטיגע דורות פון ניו יארקער קענען פארזעצן צו באזוכן די הערליכע און לעבהאפטיגע ראיאן פון די סטעיט, אפגעזעהן פון די וועטער."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "סטעיט רוט A54 איז א וויכטיגע שאסיי פאר מיליאנען אפסטעיט ניו יארק איינוואוינער וועלכע פארן צווישן די סאוטערן טיער און פינגער לעיקס ראיאנען צו באזוכן די פאנאראמישע וואסערן פון קיוקע לעיקס, אבער די לאקאציע דערפון לענגאויס א שיפע בערג און די מאנגל און אפלויף סיסטעמען האבן געשאפן ערנסטע סכנות וועלכע האבן געשטעלט רייזנדע אין סכנה דורכאויס שווערע רעגנס און וועטער. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן ברענגען די קריטישע פעדעראלע געלטער צו באפעסטיגן די שאסיי קעגן שווערע רעגן און געשעדיגטע שיפקייטן, פארשטערקערנדיג איר שטאנדהאפטיגקייט פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**סטיובען קאונטי מענעדזשער דזשעק ווילער האט געזאגט,** "סטיובען קאונטי באדאנקט די גאווערנער און די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט פארן פינאנצירן דעם וויכטיגן פראיעקט. מיר האבן צוגעזעהן מערערע פלוצלינגדיגע פארפלייצונג אינצידענטן אין די לעצטע מער פון צען יאר וועלכע האבן באטראפן סטעיט רוט A54, פירנדיג צו פראפערטי שאדן און געשטערטע רייזעס. די נויטיגע אינוועסטירונג וועט בעסער באשיצן קיוקע לעיק, אונזערע היים אייגנטימער און אונזערע פילע באזיכער."

**שטופן 'Southern Tier Soaring' אויף פאראויס**
די היינטיגע אנאנס איז א חלק פון "Southern Tier Soaring" (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. דער ראאניש-געאייגנטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף צוציען א טאלאנטפולע ארבעטסקראפט, וואקסנדע ביזנעסער, און טרייבן אינאוואציע. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.

###